מאמר השקפה

פרשת ויצא

נת תשפ"ו לפ"ק

## די חיזוק כוואליעס

# האבן אפגעקליגעט איבער גאנץ ארץ ישראל

עס איז מהדברים הקשים שבמקדש, אין אזא זמן, מיט אזעלכע הייסע געפילן, ווען דער מח רוישט און נאך ווייט נישט מסודר, צו קענען נעמען די פענע און שרייבן פאר'ן ציבור ווערטער וואס זאָלן קענען ריכטיג ארויסברענגען דעם אומאפשטעלנדן פלייץ וואס רוישט אין מח.

אבער, דער חכם מכל אדם זאגט, ההכרח לא יגונה.

ס'איז אוממעגליך צו שרייבן די רגשי קודש וואס האבן זיך געשפירט בשעת מעשה, ווער ס'איז דארט געווען דארף עס נישט, ווער נישט וועט ממילא נישט פארשטיין, אבער ס'איז יא ווערד ארויסצוברענגען איין גאר וויכטיגע נקודה פונעם גאנצן מסע המרומם.

## ויפגע במקום, די עצה פון ישראל סבא

פארגאנגענעם שב"ק פרשת תולדות נאכמיטאג באתרא קדישא מירון.

ווען די טויזנטער תלמידי וחסידי סאטמאר וואס זענען געווען פארזאמלט בהאי אתרא קדישא, האבן געהערט די קריאה ווי אזוי יעקב אבינו ע"ה לאזט זיך ארויס אונטערוועגנס '**ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה**', יעקב אבינו ע"ה ער איז ארומגענומען מלא צרות ותלאות, ער שלעפט זיך מיט שווערע פעקלעך צרות און עגמת נפש ער איז שוין נישט יונג, ער דארף א שידוך הגון; ער דארף אויפשטעלן דורות, לעכטיגע י"ב שבטי ק-ה; ער איז אן עני ואביון מגוזלו, כל אשר לו האט ער אוועק געגעבן פאר אנשי רשע מבקשי נפשו; ער ווערט געפייניגט און פארפאלגט דורך אן איינציגן ברודער וואס ווארט נאר אויף 'יקרבו, ואהרגה'...; נישטא קיין צרה אויף די וועלט מיט וואס יעקב אבינו דער בחיר האבות איז נישט ארומגענומען, ער דארף א גרויסע ישועה.

יעקב אבינו ע"ה זוכט התעלות, ער וויל שטייגן אין קרבת אלקים, יושב אוהלים, די תורה דאס איז משאת נפשו ומשוש חייו, ער באהאלט זיך י"ד שנים בבית עבר, ער ווייסט נישט פון קיין נאכט-שלאף, ווייל נאר תורה ועבודה איז געווען כל מגמתו.

די ערשטע עצה וואס האט פאסירט ווען ער איז געגאנגען 'חרנה', איז געווען דער כח התפילה, ויפגע במקום, אין פגיעה אלא תפילה... מלמד שתיקן תפילת ערבית.

די קהלא קדישא, באתרא קדישא, האט זיך געשפירט זייער היימיש מיט די פסוקים. יא יא, טאקע דערפאר זענען מיר יעצט דא, דאס איז די סיבה וואס האט אונז אהערגעברענגט, מיט קאפיטלעך תהלים ביים ציון פון רבי שמעון וועלן מיר אפלאדענען פעק און זעק.

נאך אזויפיל לעכטיגע שעות פון בעטן און אויסבעטן, באגעגנט מען אז דאס איז טאקע די עצה פון ישראל סבא, א איד איז אין א עת צרה ווענדט מען זיך צום תהילימ'ל, מ'וויינט זיך אויס צום טאטן אין הימל, און מ'גלייבט און מ'ווייסט אז מ'האט גע'פועל'ט.

**מיר קענען בלויז זאגן: אשרינו מה טוב חלקינו! ווי לעכטיג און ווי געהויבן איז געווען דער רוחניות'דיגער שבת אין מירון בצילא קדישא פונעם תנא האלקי רשב"י.**

**ומה נעים גורלינו! צו פארן קיין ארץ ישראל ווי ערליכע אידן, און נישט נכשל ווערן מיט די האקעלע ענינים וואס איז מיט דעם פארבינדן.**

**ומה יפה ירושתינו! אז מיר האבן זוכה געווען צו לוחם זיין אן אפענע מלחמה קעגן דעם שלטון הרשע, און מגדע זיין דעם קרן הרשעים כראוי.**

## קדושת המקום לאזט נישט שלאפן

אה, ויפגע במקום, מלמד שקפצה לו הארץ, יעקב אבינו האט פלוצלינג מרגיש געווען קדושת המקום, ער האט באקומען די געטליכע נבואה מן השמים "**והנה אנכי עמך, ושמרתיך, והשיבותיך**"... ער שרייט אויס "**אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים**", מ'האט זוכה געווען צו זיין ביים בית אלקים, ביים מקום וואו אלע תפילות פון אידישע קינדער גייען ארויף אין הימל.

ווען יעקב אבינו האט דאס מרגיש געווען האט ער געזאגט מיט א פחד נורא בדחילו ורחימו, "**ויירא יעקב ויאמר מה נורא המקום הזה**", ווי רש"י הק' זאגט "**שאילו ידעתי לא ישנתי במקום קדוש כזה**".

ווען א איד האט די זכי' ער איז זוכה צו זיין במקום קדוש, ער איז זוכה צו שפירן קדושת המקום, אינטערעסירט אים מער נישט קיין גשמיות'דיגע באקוועמליכקייטן, אפילו דער אומבאקוועמער בעט אויף דער בלויזער ערד, די שטיינער וואס ער האט געגוצט פאר א קושן וישם מראשותיו איז אים געווען אזוי ווערדלאז, ווייל ווען מ'האט אזא הערה, אזא לעכטיגן געפיל, וויפיל פלאץ פארנעמט נאך די גשמיות'דיגע געברויכן בכלל?

די פסוקים האבן זיך געליינט זייער היימיש שטייענדיג באתרא קדישא, דער מקום המקודש ביותר ביי כלל ישראל אין אונזער היינטיגע תקופה, ווען דער ציבור איז געווען העכער העכער, אויפגעהויבן פון די גשמיות'דיגע צרכים, און מיט א התקשרות און דבקות צום רבש"ע, עס איז געווען די בחינה פון **"נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות השם, לבי ובשר"י ירננו לקל חי"**.

> **"ווען עס וועט קומען חודש אלול די הייליגע טעג, וועט מען זיך דערמאנען פון שבת תולדות, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, און עס איז זיכער אז רבי שמעון וועט זיך אויך דערמאנען פון אונז, און אונז געדענקען לטובה"...**
>
> **... בלויז צו זען דעם פייער-בליק אין די אויגן פון די צוויי מנהיגים בשעת ווען דער רבי שליט"א האט אויסגעשריגן "ואשימם בראשיכם!"... צוויי ווערטער וואס האט שוין אלעס געזאגט, איז גענוג געווען צו פארשטיין דעם ערנסטקייט פונעם מאמענט, און דער קאנאן-אויפרייס פון די וויכטיגע מחאה...**

און מ'דארף נאר זיכער מאכן אז עס זאל בלייבן *'בלבבך'*, אינעווייניג אין הארץ זאל עס בלייבן, דער פייער, דער ברען, די שמחה של מצוה, די געגועין וכיסופין, דאס זאל זיין חקקם על לוח לבך, און נאך א לאנגע צייט זאל מען זיך מעורר זיין דערמיט. ווי כ"ק **מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט "ווען עס וועט קומען חודש אלול די הייליגע טעג, וועט מען זיך דערמאנען פון שבת תולדות, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, און עס איז זיכער אז רבי שמעון וועט זיך אויך דערמאנען פון אונז, און אונז געדענקען לטובה".**

## געווען אינעם 'עיר אלקים', נישט אינעם 'כל עיר'

והי"ה כי תלכון לא תלכון ריקם.

זאגט מען א טייטש, 'והיה', ווען איז אן אמת'ע שמחה? *'כי תלכון'*, אז ווען מ'גייט אהיים, *'לא תלכון ריקם'*, גייט מען נישט אהיים ליידיג. מ'פארט נישט אהיים די זעלבע ווי מ'איז געקומען.

דאס איז ברור בלי ספק, אז פון די אלפי ישראל וואס האבן זוכה געווען מיטצוהאלטן דעם שב"ק ביי רבי שמעון, פארט קיינער נישט אהיים *'ריקם'*, קיינער פארט נישט אהיים מיט'ן זעלבן רענצל ווי אזוי מ'איז געקומען. מעגליך דער 'כמות' פון רענצל איז לייכטער, אבער דער 'איכות' איז טויזנט מאל פולער.

ס'איז שווער אריינצוגיין אין פרטים, באובנתא דליבא תליא, יעדער איינער מיט זיינע הרגשים, יעדער איינער לויט זיין 'הכנה', יעדער איינער לויט זיין 'הבנה', האט זיך ארויסגענומען זיין התחזקות, זיינע קבלות טובות, זיין התעוררות, זיין התרוממות זיך אויפצוהייבן העכער, און אנהייבן א נייע בלעטל אין זיין עבודת השם.

אבער, אויסערליך און בכלליות איז כדאי צו פארצייכענען אנעקדאטן וואס אלע האבן מיטגעלעבט איניג, און עס איז וויכטיג צו פאראייביגט ווערן על גבי הכתב.

ווי מיר האבן שוין געשריבן אין אונזער מאמר נאך בעפאר די נסיעה, זענען די הכנות נראה לעינים בכלל נישט געווען קיין נסיעה קיין ארץ ישראל, דאס איז געווען א נסיעה צו **"רבי שמעון"**.

עס איז א מציאות - וואס הלואי מ'זאל האבן א וועג דאס צו בודק זיין - כהיום ווען די אלפי ישראל האבן זוכה געווען צו מקיים זיין דעם **'שובו לכם לאהליכם'**, וויפיל עס האבן מרוויח געווען די רעסטוראנטן און די פארוויילונגס ערטער פון זייער מדינה, פון די טויזנטער באזוכט. עס לאזט זיך זאגן אז כמעט 'גארנישט'.

א ריזן טייל פונעם ציבור איז בכלל נישט געווען אין 'מדינת ישראל', אנגעקומען פונעם פליגער צו רבי שמעון און צוריק... אנגעקומען דאנערשטאג נאכמיטאג קיין מירון, און זונטאג פארטאגס איז מען שוין געווען אויפן וועג צוריק.

אבער אפילו די וואס האבן מקדים געווען עטוואס א טאג מלפני' ומלאחרי', איז דער ריווח געווען אנטייל נעמענדיג ביי די גוואלדיגע מעמדי קידוש השם, דאנערשטאג אין ירושלים, און זונטאג אין בני ברק.

אויב האט עמיצער מרוויח געווען איז דאס געווען די טעקסיס קיין הר הזיתים און הר המנוחות. ביים ציון פונעם אור החיים הקדוש איז געווען מעמדי תפילה במשך שעות ארוכות, און אויף די מקומות הקדושים אין די הרי הגליל איז פול געווען במשך דעם גאנצן זונטאג.

עס דערמאנט זיך דער הייליגער ווארט וואס דער **פרי מגדים** (או"ח סי' ק"ס) ברענגט בשם הרה"ק ר' גרשון קיטובער ז"ל **"אזכרה אלקים ואהמיה, בראותי 'כל עיר' על תלה בנויה"**, אז דאס גייט ארויף אויף די גשמיות'דיגע חלק פון ירושלים עיה"ק, וואס דאס איז על תלה בנוי', דאס ווערט אויפגעבויט מיט כלולת מגדלים נאים לפי ענין הבנאים,

אבער 'והעיר האלקים' דאס געטליכקייט פון ירושלים עיה"ק, דער רוחניות'דיגער טייל פון ירושלים עיה"ק, ירושלים של מעלה איז ליידער מושפלת עד שאול תחתי'.

בענין זה יאמר.

די אלפים סאטמארער חסידים וואס האבן זיך אין די טעג אומגעקערט פון ארה"ק האבן בכלל נישט געלאנדעט אינעם **'כל עיר'**, מ'האט דאס נישט געזען, מ'האט דאס נישט באטראכט - מ'האט דאס נישט געוואלט זען און מ'האט עס נישט געוואלט באטראכטן - און מ'האט זיך בכלל נישט אומגעקוקט אויף איר.

דאס אויבנאן האט פארנומען דער **'עיר אלקים'**, די אתרא קדישא מירון, דער קודש הקדשים, דער הייליגסטער מקום קיבול תפילות וואס איז היינט דא ביי כלל ישראל, דארט איז מען געפארן, דארט האט מען זיך מדבק געווען, דארט האט מען זיך מקשר געווען, און דארט האט מען גע'פועל'ט ישועות.

**"מלפניה ומלאחריה"** האט מען מחזק געווען די מוסדות על טהרת הקודש, די ריזיגע תורה פעסטונגען וואס פירן זיך על דרך הישן, וואס לערנען על טהרת הקודש, אנגעהויבן ביי די סאטמארע מוסדות יטב לב, און פון דארט צו אומצאליגע אנדערע מוסדות על טהרת הקודש וואס זענען צושפרייט איבער אומצאליגע ישובים איבער ערי ארה"ק, וואס האבן אין די טעג זוכה געווען צו באזוכן און געניסן פון די ברייטהארציגע מוראלישע און פינאנציעלע שטיצע פון נדיבי אנשי שלומינו.

אפגערעדט פון די ריזן 'מיליאן דאלארדיגע חלוקה' וואס **כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א** האט פערזענליך איבערגעגעבן פאר די עיני העדה הגאוה"צ חברי הביד"צ שליט"א, וואס וועט אי"ה פארטיילט ווערן פאר אלע מוסדות על טה"ק דורך די הייליגע קופה פון **'קרן הצלה'**, און די איבריגע ריזיגע סומעס וואס רבינו שליט"א האט פארטיילט פאר די עניי ארה"ק וואס זענען אריינגעקומען יעדער איינער מיט זיין פעקל, און מיט זיינע בקשות.

## במלחמת אש דת השערה: אין קאמף קעגן די מפשרים

איבער אלעם האט אבער ב"ה אפגעהילכט דער קול מלחמה במחנה, דער פייערדיגער קול ענות גבורה, די מלחמת אש דת השערה וואס **רבינו שליט"א** האט אויסגערופן בשעריך ירושלים, אנגעהויבן די פארגאנגענע וואך במעמד אלפי ישראל, בפניהם פון **כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א** ובית דינו הצדק און אנדערע גרויסע מנהיגי הקהילות שליט"א, ווען במעמד כולם איז אויסגעשריגן געווארן דער מחאה און הילכיגער פראטעסט פון ערליכע אידן קעגן יעדע פרואוו פון פשרות אינעם גזירת הגיוס.

וחוזרת ונשנית ביתר שאת ועז אין בני ברק, די **'עיר התורה והחסידות'**, וואו עס איז משכנם כבוד פון די ראשי ישיבות וואס דער כח החלטה איבער די פשרות ליגט ביי זיי אין די הענט.

א סקרוך איז אריבער אין די ביינער ביים געהויבענעם מעמד זונטאג פארנאכט אין בני ברק, ווען דער רבי שליט"א האט זיך אויפגעשטעלט בשער המחנה וכרוזא קרא בחיל דעם דבר היהדות החרדית, און אז ליידער איז **"דא אין בני ברק פאראן אזעלכע וואס ווילן מאכן פשרות"** - ווען לימינו ולשמאלו זיצן די ערליכע רועי ישראל, כ"ק אדמו"ר מבוהוש שליט"א, כ"ק אדמו"ר מסלאנים שליט"א, ביידע געהויבענע מנהיגים וואס האבן מיט מסירות נפש אראפגעטאנצן פון די באן, זיי האבן זיך אפגעשאקלט פון די מרכבה, זיי רופן אויס כסדר פאר עדת צאן מרעיתם **"ויואל משה אמת ותורתו אמת"**, און ליידער איז דא אזא שוואכער רוקן-ביין וואס זאלן זיי מחזק זיין.

בלויז צו זען דעם פייער-בליץ אין די אויגן פון די צוויי מנהיגים בשעת ווען דער רבי שליט"א האט אויסגעשריגן **"ואשימם בראשיכם!"**... צוויי ווערטער וואס האט שוין אלעס געזאגט, איז גענוג געווען צו פארשטיין דעם ערנסטקייט פונעם מאמענט, און דער קאנאן-אויפרייס פון די וויכטיגע מחאה.

> **"צריכים אנו לידע: אין לנו חלק ונחלה בציונות! אין לנו חלק ונחלה במלחמותיהם! אין לנו חלק ונחלה במדינת ישראל! - מדינת ישראל הוא אבי אבות הטומאה, ומטמא במגע! במשא! ובדיבור!"**
> **האט דער רשע מיט כעס אויסגעשריגן "יא יא, ובשלטון הכופרים אין אנו מאמינים, דאס איז ענקער שיינער שיתוף פעולה"...**

דער מצב רייסט ביים הארצן, אויב האט מען ביז יעצט געמיינט און זיך געוואלט מחזק זיין אז לא כימים הראשונים ימים האחרונים, כהיום זענען דא מער ערליכע מנהיגים ביים ליטווישן קרייז, און ווי עס האט זיך אויסגעזען ביז יעצט זענען זיי געשטאנען איתן כחלמיש נישט צו ערלויבן קיין פשרות, האבן זיי אבער נישט געקענט אויסווארטן די מלחמה ביז'ן סוף, עס שיינט אז זיי זענען פריצייטיג ארויסגעפאלן פונעם שדה המערכה און געפאלן אויף די קני פאר די ציוני'סטישע עוקרי הדת רחמנא לצלן.

יא ליידער, זיי האבן יא מחליט געווען צו לאזן דעם ראש הקהל'ס זון אינדערהיים, און דעם בן עניים איבערגעבן פאר די 'כאפערס' אלס קאנטאניסטן.

**יא יא, ואשימם בראשיכם, עס באקומט ליידער א גושפנקא פון די גרויסע.**

ווי ווייטאגליך עס הערט זיך, און ווי ביטער עס איז דער מצב, און ווי שטארק פארנעפלט עס איז דער עתיד, איז אבער קלאר אז די מחאה איז געווען בעתו ובזמנו. עס האט געברענגט א געוואלדיגן חיזוק און גושפנקא פאר שלומי אמוני ישראל אין ארה"ק, און באפעסטיגט אז דאס יהדות החרדית מלומדי מלחמה דערשרעקט זיך נישט ווען די נחשלים פאלן ווידער אויפן פראנט, כל זמן די לוחמים זענען דא מיט א פעסטקייט צו לוחם זיין ווייטער.

## דער אפקלאנג פונעם "ובשלטון כופרים אין אנו מאמינים"

אויב איז איינער מסופק צי דער גאנצער נסיעה איז געווען א חטיבה אחת פון קידוש שם שמים, און ווי ווייט זי איז געווען א גירא בעינא דשיטנא, איז געלונגען במשך דעם לעכטיגן שב"ק אין מירון צו זען עין בעין ווי די רשעים שפירן אויף זייער הויט אז זיי האבן דא צו טון מיט א פמליא פון אלפים מישראל וואס זענען נישט מכיר אין די מדינה, און זייער גאנצער קומען קיין ארץ ישראל איז נאר על אפם ועל חמתם, צו מחזק זיין די אידן וואס זענען זיך מתנגד צום עצם קיום פון די מדינה של גהנם.

**אפגערעדט פון די ריזן 'מיליאן דאלארדיגע חלוקה' וואס כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א האט פערזענליך איבערגעגעבן פאר די עיני העדה הגאוה"צ חברי הביד"צ שליט"א, וואס וועט אי"ה פארטיילט ווערן פאר אלע מוסדות על טה"ק דורך די הייליגע קופה פון 'קרן הצלה', און די איבריגע ריזיגע סומעס וואס רבינו שליט"א האט פארטיילט פאר די עניי ארה"ק וואס זענען אריינגעקומען יעדער איינער מיט זיין פעקל, און מיט זיינע בקשות.**

צווישן די פלעצער ווי דאס איז געקומען צום אויסדרוק איז געווען ווען חשוב'ע עסקנים אין אמעריקע האבן געוואלט אויסנוצן דעם גרויסן שבת התאחדות צום קלימאקס פון די מלחמה לה' בעמלק הציוני, און זיי האבן באשטעלט א ריזן טאוול, וואס האט געטראגן אויף זיך עטליכע שורות מדברות קדשו פון רבי'ן שליט"א ביים מעמד הקדוש "כינוס כללי" כ' סיון תשע"ח לפ"ק:

**"צריכים אנו לידע: אין לנו חלק ונחלה בציונות! אין לנו חלק ונחלה במלחמותיהם! אין לנו חלק ונחלה במדינת ישראל! – מדינת ישראל הוא אבי אבות הטומאה, ומטמא במגע! במשא! ובדיבור!"**

ראה זה פלא, פון אלע הונדערטער שילדן וואס הענגען איבער'ן גאנצן הר מירון ארום דעם ציון הרשב"י האבן די חיות טרף נישט געטראפן קיין צווייטע שילד וואס האט זיי אזוי אויסגעשטאכן די אויגן, מיט אייפער זענען זיי געקראכן ווי די מאלפעס, און ביז זיי האבן דעם איינעם שילד נישט געזען אראפ האבן זיי נישט געהאט קיין מנוחה.

יודעי דבר זאגן אז דאס איז נישט קיין דבר רגיל אין מירון במשך דעם יאר אז זיי זאלן זיין אזוי ווילד, ובלי ספק איז דאס געקומען א באפעל פון די 'העכערע פענסטער' וואס האבן באקומען 'א גרוס פונדערווייטנס', וואס דער כינוס אין מירון באדייט.

בלויז דאס מיטהאלטן די אכזריות פון די פאליציי, וואס נאך וויפיל ערליי 'מיטלען' און שתדלנות מ'האט אנגעווענדעט אז זיי זאלן שטיין פון די זייט, האבן זיי אויסגענוצט די מאקסימום רשעות צו שטערן די הצלחה פון דעם שבת, מיט'ן נישט לאזן בויען א געהעריגע ביהמ"ד, מיט'ן אראפנעמען די פארענטשעס אין די לעצטע מינוט, מיט'ן שטערן די 'הדלקה' כסדר מיט זייערע מאדנע פארלאנגען.

אויב האט איינער זיך געוואלט איינרעדן אז אונטער זייער רשעות איז געלעגן עפעס 'זיכערהייט סיבות' וכדומה, האט דער 'קצינים שבהם, מוקצים שבהם' דאס קלאר ארויסגעזאגט נאך די 'הדלקה' מוצש"ק, ווען זיי האבן געקאכט און געזידט פאר כעס, און איינער פון די געדינגענע עסקנים וואס האבן געארבעט למען השבת האט זיך געוואלט אראפזעצן מיט אים, און אראפברענגען זיין חרון אף, זאגנדיג 'סוף כל סוף איז מער ווייניגער געווען א קאאפעראציע'... (שיתוף פעולה בלשונם הטמא).

האט דער רשע מיט כעס אויסגעשריגן "יא יא, ובשלטון הכופרים אין אנו מאמינים, דאס איז ענקער שיינער שיתוף פעולה"...

יא יא, אז דער הונט בילט איז א סימן אז דער שטיין איז געלונגען.

ס'איז באמת געווען א פרעכטיג בילד צו זען דעם ריזיגן טויזנטער-קעפיגן ציבור זיך הייבן א טפח פון דער ערד ביים זינגען מיט פייער די הייליגע ווערטער "**בשלטון הכופרים אין אנו מאמינים, ובחוקותיהם אין אנו מתחשבים**". טאקע אין איינע פון די מאמענטן ווען זיי האבן אפגעשטעלט די מוזיק מוצש"ק, און דער גאנצער האריזאנט האט אפגעהילכט מיט'ן "לקדש שם שמים" פון טויזנטער שלומי אמוני ישראל.

מיר קענען בלויז זאגן: **אשרינו מה טוב חלקינו! ווי לעכטיג און ווי געהויבן איז געווען דער רוחניות'דיגער שבת אין מירון בצילא קדישא פונעם תנא האלקי רשב"י.**

**ומה נעים גורלינו! צו פארן קיין ארץ ישראל ווי ערליכע אידן, און נישט נכשל ווערן מיט די האקעלע ענינים וואס איז מיט דעם פארבינדן.**

**ומה יפה ירושתינו! אז מיר האבן זוכה געווען צו לוחם זיין אן אפענע מלחמה קעגן דעם שלטון הרשע, און מגדע זיין דעם קרן הרשעים כראוי!**